בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת
נצבים - ראש השנה

## סדום אלץ מאדעל פאר כלל ישראל

### די גרויסע טויש

**אין** די וואכנדיגע פרשה ווארענט השי"ת די אידישע קינדער, איבער די גאר שווערע שטראפן וואס וועט זיי קומען, אויב זיי וועלן אריינגיין קיין ארץ ישראל און דערנאך זיך אוועקקערן פון השי"ת, און נאכגיין די גשמיות'דיגע וועגן פון די פעלקער וואס וועט פארטריבן פונעם לאנד. "פן יש בכם איש או אשה או משפחה או שבט אשר לבבו פונה היום מעם השם אלקינו, ללכת לעבוד את אלהי הגוים ההם" - "טאמער איז דא צווישן אייך א מאן אדער א פרוי, א פאמיליע אדער א שבט, וואס קערט זיך אוועק פון צו זיין מיט אונזער באשעפער, און ער וועט גיין דינען די אפגעטער פון די פעלקער".

נאכן וואוינען אין מדבר פאר פערציג יאר, מיט גאר ווייניג פון די לעבנס וויכטיגסטע געברויכן, וואס פעלט זיך אויס צו קענען אדורכלעבן אינעם מדבר, קומט יעצט דאס אידישע פאלק אריין אין ארץ ישראל, א לאנד וואס שטייט אין שארפן קאנטראסט צו די פערציג יאר. דאס איז א לאנד וואו עס רינט מילך און האניג, א לאנד וואס עס איז אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן, און הקדוש ברוך הוא ווארענט זיי, נישט צו אויסניצן די גוטסקייט פונעם לאנד אויף א שלעכטע וועג.

### די שטרענגע ווארענונג

**און** השי"ת ווייסט דאך די וועגן וויאזוי א מענטש טראכט, און דערפאר ווארענט ער אונז, אז אויב עס וועלן זיין געוויסע מענטש, וואס ווען זיי וועלן הערן די ווערטער פון די שארפע ווארענונג, וועלן זיי טראכן אין זייער הארץ אז די גוטסקייט פונעם לאנד וועט אויף אייביג אנהאלטן - ווייל וואס וועט זיך דען טויש|ן?! - און די שטראפן פונעם אויבערשטן וועט זיי נישט דערגרייכן, "עס וועט גארנישט געשעהן, מיר טוען דאך גארנישט שלעכט'ס, איז דען א עבירה צו הנאה האבן פון די מתנה פון ארץ ישראל, וואס דער אויבערשטער האט אונז צוגעזאגט?", "והתברך בלבבו לאמר, שלום יהיה לי" - "די שלעכטע מענטשן וועלן טראכטן אין זייער הארץ, א ברכה פון שלום אויף זיך אליינס, און זיי וועלן זאגן, מיר וועלן ווייטער הנאה האבן פון די געשמאקע לאנד מיט פרידן".

דערפאר זאגט השי"ת גאר א שארפע ווארענונג, אז דער אמת וועט זיין פונקט דאס פארקערטע, נישט בלויז וואס דער אויבערשטער וועט נישט פארגעבן דאס אז מען ווערט פארזינקען אין גשמיות, און מען ניצט נישט ריכטיג די מתנה וואס דער אויבערשטער געבט פאר אונז, נאר דאס וועט נאך צוברענגען צו די ערגסטע חורבן און פארוויסטעניש. "כמהפכת סדום ועמורה אדמה וצבוים אשר הפך השם באפו ובחמתו" - "איך וועל צושטערן און איבערקערן דאס לאנד, אזוויי די איבערקערונג פון די שטעט סדום און עמורה, אדמה און צבוים, וואס דער אויבערשטער האט איבערגעדרייט מיט זיין גרויסע צארן".

## סדום איז אונזער מאדעל?!

**הקדוש** ברוך הוא נוצט די שטאט סדום פאר א מאדעל פון חורבן און צושטערונג, אלס א ווארענונג פאר אידישע קינדער, "נוץ נישט מיין וועלט אויף א נישט ריכטיגע וועג, ווייל דאן וועט איר ליידן אויף די זעלבע וועג וויאזוי די זינדיגע שטעט פון סדום האבן געליטן". און דאס דארף מען פארשטיין, פארוואס איז סדום געווארן אויסגעקליבן צו זיין די מאדעל, פאר אייביגע צייטן, צו ווארענען די אידישע קינדער?

די איבערקערונג פון סדום און עמורה, איז געווען גאר א מערקבארע געשעהניש, און מען דערקענט דאס נאך ביז היינט, טויזענטער יארן שפעטער. ווען מען גייט באזוכן ארץ ישראל קען מען נאך זעהן דארט איינס פון די מערסט פארוויסטע פלעצער אויף די וועלט, דאס איז די גאנצע געגענט ארום ווי די שטעט זענען אמאל געווען.

די שטעט פון סדום זענען געווען איינס פון די מערסט בליענדע געגענטן אויף די וועלט, דאס איז געווען 'כגן השם', אזוויי די גארטן פונעם אויבערשטן, דאס מיינט אז דאס איז געווען א גן עדן אויף דער וועלט. איז דאס דען געווען פונקט אזוויי די גן עדן? מן הסתם נישט, אבער עס איז געווען עפעס אויסערגעווענליך, עס איז געווען עפעס נאנט צום גן עדן אויף וויפיל מען קען אזוינס טרעפן אויף דער וועלט. און דאס איז געווען אזא שטארקע טויש, פון איין עקסטרעם צו די אנדערע, פון א הערליך בליענדע און פרוכטבארע גארטן ביז צו א טאטאלע חורבן און וויסטעניש, דאס דארף מען פארשטיין.

דאס איז נישט געשעהן דורך א צופאל, אדער דורך א טעות, אן אינצידענט, דאס איז געווען ספעציעל אזוי אויסגערעכנט דורך הקדוש ברוך הוא, דאס האט געדארפט זיין א שאק, עפעס וואס וועט אויפשוידערן די צוקוקער, עפעס וואס זאל אייביג געדענקט ווערן. די תורה רופט דאס אן מיטן נאמען 'ויהפוך', א איבערקערעניש, השי"ת האט איבערגעקערט די שטעט, דאס איז נישט געשעהן צוביסלעך, עס איז נישט צוביסלעך צוגאנגען, עס איז געשעהן פלוצלינג אויף איין מאל.

## די שיינקייט פון ארץ ישראל

**די** לאנד פון ארץ ישראל איז א לאנד וואס ווערט געלויבט אויף זיין שיינקייט און אירע רייכע קוועלער פון גוטע מאטריאלן, דאס איז די לעצטע פלאץ וואס מיר וואלטן ערווארטעט אזא חורבן

און פארוויסטעניש, אזוי ווי עס איז אין סדום, עס איז פול מיט געשמאקע פעלדער וואס פראדאצירן אסאך פרוכט, הערליכע גערטנער מיט א גרויסע אויסוואל פון פרוכט, קוועלעדיגע טייכן פון פרישע וואסער, און אינטער דיביימער ציהט זיך טייכלעך פון זיסע האניג פון טייטלען, וואס מישט זיך אויס מיט פרישע ציגן מילך, "ארץ זבת חלב ודבש" - "א לאנד וואס עס רינט מילך און האניג", דאס איז נישט בלויז א שיינע ווערטער פון רעדן, דאס איז א סימבאל פון א לאנד וואס איז איבערגעפילט מיט אלע גוטע זאכן.

"כי השם אלקיך מביאך אל ארץ טובה, ארץ נחלי מים עינות ותהומות יוצאים בבקעה ובהר, ארץ חטה ושעורה וגפן ותאינה ורמון, ארץ זית שמן ודבש, ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם, לא תחסר כל בה, ארץ אשר אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחושת" - "השי"ת ברענגט דיר צו א גוטע לאנד, א לאנד מיט טייכן און קוועלער פון וואסער, אפגערונדן וואס גייען ארויס אויף די טאלן און די בערג, א לאנד פון ווייץ, גערשטן, טרויבן, טייטלען, מילגרוימען, א לאנד פון איילבירטן און טייטלען. א לאנד וואס מען עסט ברויט אן קיין ארימקייט, עס פעלט דארט גארנישט, א לאנד וואס פון אירע שטיינער קען מען ארויסנעמען אייזן, און פון אירע בערג קען מען ארויסהאקן קופער". אלעס גוטס, יעדע סארט גשמיות'דיגע זאך, איז גרייט געווען פאר די אידן אין ארץ ישראל.

## וואס איז ארץ ישראל?

**מיר** דארפן פארשטיין די חשיבות וואס עס ליגט אין דעם וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן אזא לאנד פון אזויפיל גוטס, א לאנד וואס עס פליסט מילך און האניג. די פסוקים דערציילן אונז אז דער אייבערשטער האט צוגעזאגט דאס לאנד ארץ ישראל פאר אונזערע אבות, צוליב דעם וואס זיי האבן זיך גאר שטארק אויסגעארבעט און דערהויבן אין זייער עבודת השם. דאס איז א שכר פאר די אבות וואס האבן געשטעלט דעם פונדאמענט פאר די בעסטע פאלק אויף דער וועלט, דער אויבערשטער האט זיי דערפאר באצאלט מיט די בעסטע לאנד אויף דער וועלט, די בעסטע לאנד פאר די בעסטע מענטשן!

די לאנד ארץ ישראל איז געווען די בעסטע לאנד אין די וועלט, נישט בלויז אינעם רוחניות'דיגן חלק דערפון, נאר אויך אינעם גשמיות'דיגן חלק, די פאלק פון עובדי השם האבן פארדינט דעם בעסטן גשמיות'דיגן לאנד. דאס איז נישט קיין פשוטע זאך, מען דארף דאס צו פארשטיין, די פאלק פונעם אויבערשטן, וואס זענען באשאפן געווארן ספעציעל צו לעבן א רוחניות'דיגן און העכערן סארט לעבן, וואלטן געדארפט זיין ווייט אוועק פון די אלע הנאות פון די עולם הזה, ווייט פון די הנאות וואס ווערט ארויסגעברענגט מיט די ווערטער "לא תחסר כל בה" - "עס פעלט דארט גארנישט", די פאלק וואס טוט סימבאליזירן די גרעסטע נאנטקייט צום אויבערשטן, וואלט נישט געדארפט ווערן באצאלט מיט א פרוכטבארע לאנד און געשמאקע וואסערן, א פאלק וואס האט אויסגערופן "רצונינו לראות את מלכנו" - "מיר ווילן זעהן אונזער קעניג", איז די מילך און די האניג וואס רינען, גאר א ביליגע באצאלדונג.

## מיר דארפן נישט קיין רעגן, מיר דארפן עולם הבא

**אט** די שאלה פרעגט שוין דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה (פרק ט' הלכה א'), מיר אלע ווייסן קלאר, מיט א גאנצע אמונה, אז אונזערע אלע גוטע מעשים וואס מיר טוען אויף די וועלט, וועט ווערן באצאלט בלויז אין עולם הבא, די וועלט וואו עס איז מעגליך צו באצאלן דערפאר, און מיר וועלן קענען באקומען אונזער אמת'דיג פארדינטע שכר און באלוינונג, און דאס איז נאר נאך די ענדע פונעם לעבן. אויב אזוי, ווען די תורה זאגט צו שכר פארן דינען השי"ת, זאגט אונז די תורה גשמיות'דיגע שכר פון די וועלט, "והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי... ונתתי מטר ארצכם" - "אויב איר וועט צוהערן צו מיינע מצוות, דאן וועל איך געבן רעגן אין ענקער לאנד", מיר וועלן האבן אסאך עסן, עס וועט זיין פרידן אין אונזער לאנד, מיר וועלן זיין געזונט און לעבן לאנג פרייליכערהייט, מיר וועלן נישט האבן קיין צרות פון די אנדערע פעלקער. אט די אלע זאכן זענען באלוינונגען אויף די וועלט די עולם הזה!

מיר ווייסן אז "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", אפילו איין מצוה איז צו גרויס, צו טייער און חשוב, אז מען זאל דאס קענען באצאלן אויף "דער וועלט", די אלע הנאות פון די וועלט זענען צו קליין צו באצאלן פאר בלויז איין מצוה. אבער די תורה רעכנט אויס שכר בלויז פון "די וועלט", אן צו דערמאנען די אמת'דיגע שכר וואס מיר ווייסן אז דאס וועט קומען אין עולם הבא, די קומענדיגע וועלט?!

## שכר מצוה, מצוה

**די** רמב"ם ענטפערט דערויף אזוי: דאס איז קלאר אז די שכר וואס מען באקומט אויף דער וועלט, דאס איז גארנישט, אינגאנצן גארנישט! אונזערע מצות און מעשים טובים קענען בלויז באצאלט ווערן אין עולם הבא, און דערפאר מוז זיין, אז אלעס וואס השי"ת זאגט צו, די גוטע זאכן וואס וועט קומען אויב מען וועט טוען די ווילן פון השי"ת, דאס איז נישט פאר קיין שכר, דאס איז בלויז צו העלפן און צושטיפן דעם מענטש, אנצוגיין ווייטער מיט זיין עבודת השם.

אונזער פלאץ אין עולם הבא ווענד זיך בלויז אין אונזער מעגליכקייט צו לעבן אויף דער וועלט און טוהן מצוות, און אויב א מענטש קען נישט געהעריג טוהן קיין מצות צוליב הונגער, קראנקייט, מלחמות, אדער סיי וואספארא אנדערע זאך, וואס קען שטערן דעם מענטש, דאן זענען דאס די גרעסטע פראבלעמען פאר אים, ווייל דאס שלעפט אים אוועק פון זיין גאנצקייט אין עבודת השם. די פראבלעמען מיט וואס מען איז פארנומען, טוט אוועקנעמען דאס גאנצקייט פונעם הארץ, צו זיין פארנומען בלויז מיט עבודת השם, און דערפאר, א מענטש וואס וויל דינען גאט מיט זיין גאנצע חיות, זיין גאנצע הארץ און נשמה, געבט אים דער אויבערשטער די אלע צוגעזאגטע ברכות אויף דער וועלט, ווייל דאס זענען פאר אים די גרעסטע מתנה, דאס וועט אים העלפן דינען דעם אויבערשטן.

## אין סדום האט מען נישט געלערנט קיין רמב"ם

**כאטש** די גרויסע שפע פון סדום איז געווען גוט באקאנט אין די פריערדיגע צייטן, האט דאס אבער נישט אנגעהאלטן פאר א לאנגע צייט, און דאס איז ווייל די מענטשן פון סדום האבן נישט געלערנט די וויכטיגע כלל פונעם רמב"ם, זיי האבן נישט פארשטאנען, אדער האבן זיי נישט געוואלט פארשטיין, די צוועק פון זייער סוקסעס, די רייכקייט פון וואס זיי האבן געגאסן האט זיי געברענגט צו עגאיזם, צו נידריגקייט, און צום סוף האט דאס זיי געברענגט דעם חורבן. די סדום'ער האבן זיך איינגעוואוינט צו שלעכטע מעשים און זינד, מיטן ציהל צו אפהאלטן סיי וועלכע הילף פאר די דורכגייער און געסט, זיי האבן נישט געוואלט העלפן די נויטבאדערפיגע, בלויז ווייל זיי האבן נישט פארשטאנען די ציהל פון זייער רייכקייט, אז דאס איז צו ווערן בעסערע מענטשן.

יחזקאל הנביא זאגט א פסוק, "זה היה עון סדום אחותך" - "דאס איז געווען די זינד פון סדום, דיין שוועסטער", דאס מיינט, אז אויב מען וועט נאכטוהן די זעלבע זינד, וועט מען האבן אזא סוף ווי סדום, "גאון שבעת לחם" - "דאס גרויסהאלטן מיטן זיין זאט פון ברויט", די גרויסהאלטעריי מיטן האבן גענוג עסן, דאס האט געברענגט די חורבן פון סדום.

זייער אסאך פראבלעמען און זינד, קומען ארויס פון דעם וואס מען ניצט נישט גוט אויס די גוטס פון די וועלט, ווען מען ניצט דאס גוטס אלס א שכר, אנשטאט דאס צו ניצן אלס א הילף צו טוהן גוטע מעשים, דאס מיינט אז מען עסט אויף די עולם הבא אויף דער וועלט, און עס איז נישט דא קיין ערגערע זאך פון דעם, צו אויפעסן די עולם הבא פאר א טעלער סיריעל און א גלעזל מילך.

די מענטשן פון סדום וואלטן געדארפט זיין די גרעסטע דינער'ס פון השי"ת, ווייל ער האט זיי געגעבן די מעגליכקייט צו וואוינען אין זיין גארטן, זיי האבן געהאט די גרעסטע מעגליכקייט צו זיין גוטע מענטשן, און העלפן מענטשן וואס דארפן הילף, אבער זיי האבן איגנארירט די פאקט אז זי וואוינען אינעם גן השם, זיי האבן דאס נישט אויסגענוצט צו דינען השי"ת, און דערפאר האט השי"ת געזעהן אז זיי האבן נישט קיין פלאץ אויף זיין וועלט, דערפאר איז סדום חרוב געווארן.

## וואו איז היינט סדום?

**און** דערפאר ווארנט אונז השי"ת: זייט געווארנט, איר זאלט נישט ענדיגן אזוי ווי סדום האט געענדיגט, די מאדעל פון סדום מוז אונז אלץ שטיין פאר די אויגן, דאס איז א דוגמא פון מענטשן וואס האט פארפעלט פון זייער ציהל אין לעבן, און אנשטאט צו נעמען די מתנות פונעם אויבערשטן און דאס אויסנוצן פאר א הילף, צו קענען ווערן בעסער און דינען הקדוש ברוך הוא, האבן זיי אנגעמאכט אן אייביגער חורבן.

די הייליגע פאלק, די פאלק וואס איז די וויכטיגסטע פאר השי"ת, דארף דאס אייביג געדענקען, צו זעהן וואס עס געשעהט ווען מענטשן מאכן די גרויסע טעות, און ווייסן נישט וויאזוי צו נוצן דאס גשמיות אויף דער וועלט. מיר קומען אהער אויף דער וועלט, צו נוצן די מתנות פון השי"ת, דאס זאל אונז דערנענטערן צו השי"ת און ווערן בעסער אין עבודת השם.

מפרסמין עושי מצוה

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת
# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם
## תורת אביגדור
באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# הדפסה והפצה

**מעלדונג**
**צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך**
**לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'**
**אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט**
**און איר ווילט עס זאל אנהאלטען**
**רופט 718-757-1681**

*

לעלוי נשמת אבי מורי
**הרה"ח המפורסם מרדכי אהרן חיים בן אליעזר ז"ל מענצער**
נפטר בשם טוב כ"ו אלול תשנ"ח לפ"ק

**הונצח ע"י בנו**
**מיכאל דוב מענצער ומשפחתו**

*

לעילוי נשמת הרה"ח המנוח **רבי אברהם מאיר** בן רבי צבי
**(שפיצער)** הכ"מ עליו השלום

שנפטר ביום ג' כי תצא י' אלול מתוך אמונה ובטחון להשי"ת
והוא היה מאוד דבוק ברבינו הגדול רבי אביגדור מילער זצ"ל
וזכה להפיץ תורת המוסר שלו על אמונה ובטחון בה' הטוב כל ימי
חייו וזה יהי' לזכותו בגנזי מרומים

ת'הא נ'שמתו ב'צרור ה'חיים
נדבת החברים שנסעו עמו לרבנו הקדוש זצ"ל בצוותא חדא מידי
שבוע בשבוע מוויליאמסבורג. כל ליל שישי בקביעות בתמידית
וברציפות לשמוע דבר ה' משך עשר שנים האחרונות של רבינו
זצ"ל עלי אדמות

יהא זכרו ברוך!

# דער תכלית פון ראש השנה

## שאלה:

**אויב ראש השנה איז א יום הדין, די טאג וואס דער אויבערשטער משפט אונז, וואלטן מיר דאך געדארפט אויסניצן דעם טאג צו זאגן וידוי און תשובה טוהן אויף אונזערע עבירות?!**

## תשובה:

**ראש** השנה האבן מיר אסאך וויכטיגער'ס צו טוהן, מער פון תשובה טוהן אויף די עבירות. ראש השנה זענען מיר פארנומען מיט "השם מלך", צוריק קלאר ווערן מיט די פאקט אז השי"ת געפינט זיך ארום אונז.

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**מיר** ווייסן, עס איז דא מענטשן וואס זענען זייער ערליך מיט די "פרטים", די דעטאלן פון אלע מצוות, אבער זיי זענען נישט ערליך מיט די "כללים", די פונדאמענטן, זיי גלייבן נישט קיין סאך אינעם אויבערשטן. זיי היטן כשרות, שבת, זיי זיצן אין די סוכה און קויפן אן אתרוג, געוואלדיג! אבער זיי פארגעסן פון השי"ת.

**יום** כיפור איז ספעציעל באשטימט פאר די דעטאלן, זיכער דארפן מיר רעדן פון די דעטאלן, זיכער! אויב א איד האט געזינדיגט דארף ער תשובה טוהן דערויף. אבער ראש השנה איז די צייט ספעציעל באשטימט אראפצושטעלן דעם יסוד, די פונדאמענט, און די פונדאמענט פון אלעס איז יראת שמים, צו געדענקן גאט.

**ראש** השנה, אנשטאט צו אויסגעבן די צייט פון טאג איבערגעבויגן און זאגנדיג סלח לנו, אשמנו, בגדנו, געבן מיר אויס די צייט מיטן אויסשרייען "ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד" - "השי"ת איז אלץ געווען דער קעניג, ער איז יעצט קעניג, און ער וועט זיין קעניג אויף אייביג", ווייל דאס איז די מעסעדזש וואס דארף איינגעקריצט ווערן אין ראש השנה.

**און** נאכדעם וואס מען ווערט קלאר מיט השי"ת, ווען עס גייט אריין אין קאפ אז גאט איז דער קעניג, הערשט דערנאך זענען מיר גרייט פאר די דעטאלן פון יום כיפור.



מהדורת אחת שאלתי
כל הזכויות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"